


# מינימום ווערדזש פאר פעסט פוד ארבעטער

1/1/24-12/31/24

פון 1/1/24, וועט די מינימום ווערדזש פאר פעסט פוד ארבעטער זיין די זעלבע פון די אלגעמיינע מינימום ראטע. ‎$16.00‎ פער שעה אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי. ‎$15.00‎ פער שעה פאר די רעשטע פון ניו יארק סטעיט.

## וואס איז א פעסט פוד עסטאבלישמענט?

א פעסט פוד עסטאבלישמענט איז סיי וועלכע ביזנעס וואס קומט נאך די פאלגנדע באדינגונגען:

- סערווירט הויפטזעכליך עסנווארג און געטראנקען, אריינגערעכנט קאווע הייזער, דזשוס בארס, דאונאט שאפס, און אייז קרעם פארלארס
- שטעלט צו באגרעניצטע סערוויס, וואו קאסטומערס באשטעלן און באצאלן איידערן עסן, אריינגערעכנט רעסטוראנטן מיט טישן אבער אן קיין פולשטענדיגע טיש סערוויס, און פלעצער וואס שטעלן צו בלויז טעיק-אויט סערוויס
- איז טייל פון א קייט פון 30 אדער מער לאקאציעס, אריינגערעכנט עסטאבלישמענטס אונטער אינדיווידועלע אייגנטום פארבינדן מיט א ברענד וואס האט 30 אדער מער לאקאציעס איבערן לאנד

### ביישפילן

ביישפילן פון פעסט פוד עסטאבלישמענטס נעמען אריין Ben & Jerry's, Chipotle, Dunkin Donuts, Golden Krust Caribbean Bakery and Grill, Jamba Juice, KFC, McDonald's, Nathan's Famous, Pizza Hut, Quiznos, Shake Shack, Starbucks, Subway, Taco Bell, Tim Hortons, Uno Pizzeria & Grill, Wendy's, און White Castle.

פאר מער אינפארמאציע אויפן אפטייטש פון א פעסט פוד עסטאבלישמענט און וואס ווערט באטראכט אלס א קייט, ביטע זעט די האספיטאליטי אינדוסטריע רעגולאציעס אוועילעבל אויף https://dol.ny.gov/hospitality-industry-wage-order-cr-146.

## אפט געפרעגטע פראגעס

### וואספארא סארט ארבעטער טוט די מינימום ווערדזש אפעקטירן?

דאס אפעקטירט יעדער וואס ארבעט אין א פעסט פוד קייט פלאץ וואס קומט נאך די באדינגונגען באשריבן. דאס איז גילטיג אויף ארבעטערס וואס גרייטן צו עסנווארג, ארבעטן אלס סעקיוריטי, פולן אן די פאליצעס, רייניגן, און פירן דורך אנדערע פליכטן.

### זענען מאלצייט קרעדיטס און יוניפארם מעינטענענס צוריקבאצאלונג ראטעס אנדערש פאר פעסט פוד ארבעטער ווי פאר אנדערע האספיטאליטי אינדוסטריע ארבעטערס?

ניין, די ראטעס זענען די זעלבע פאר פעסט פוד און אנדערע האספיטאליטי ארבעטער.

### וואס איז מיט די ראטע פון באצאלונג פאר קאל-אריין און אויסגעשפרייטע שטונדן פאדערונגען?

פעסט פוד ארבעטער זענען אויסגעשטעלט צו די קאל-אריין באצאלונגען און אויסגעשפרייטע שטונדן פאדערונגען ביים גילטיגע מינימום ווערדזש ראטע פאר פעסט פוד ארבעטער.

### זענען פעסט פוד ארבעטער בארעכטיגט פאר אווערטיים באצאלונג?

יא, פעסט פוד ארבעטער מוזן באצאלט ווערן מיט איינס-און-א-האלב מאל די געוועגליכע ראטע פאר סיי וועלכע שטונדן געארבעט איבער 40 פער וואך.

### פאר מער אינפארמאציע

אויב איר דארפט נאך הילף, אדער איר ווילט אריינגעבן א קלאגע, ביטע רופט: **1-888-4NYSDOL (1-888-469-7365)** אדער באזוכט: **www.labor.ny.gov/minimumwage**.



דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז אן אייניגע געלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם. בייהילפיגע הילפסמיטלען און סערוויסעס זענען אוועילעבל לויטן פארלאנג פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען.